Hebr. Eg 699
Gildenblat

# דער כּשוּף שפּיגעלע

אַיין הומאָריסטישע ערצײלונג צום לאַכען.

פון

ח, ד. גילדענבלאַטט.

ווילנא
שנת תרנ"ח לפ"ק

ВОЛШЕБНОЕ ЗЕРКАЛЬЦО.
Юмористическій Разсказъ Д. І. Гильденблата.
Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ, д. № 1195/6
1898 г.

Дозволено цензурою 30 Октября 1897 г. Вильна.

BIBLIOTHECA UNIV. HELS. · SOLA SALUS SAPIENTIS

# 1.

## ער איז פֿאָרט אַװעק צום רב:

אשלעכטע װײב, װײסען אַלע, איז װי אַשלעכטע פּאַנאַדע, דער אונטערשיד איז נאָר דאָס, װאָס אַשלעכטע פּאַנאַדע טרײבט פֿון דרױסען אַרײן אין שטוב, און אַשלעכטע װײב טרײבט פֿון שטוב אַרױס אין דרױסען.

און אין דרױסען איז איצט דיא פּאַנאַדע זײער אַשלעכטע, עס רעגענט, און עס איז קאַלט, די בלאָטע איז ביז די קניע, זומפּיג אײדער מען שלעפּט אַרױס אײן פֿוס, זינקט אײן די אַנדערע. אין די גאַסען פֿון דער קלײן שטאָדטעל „ספּאַסאָװקע״ איז שטיל, עס האָרט זיך נאָר װי עס קלאַפּט דער רעגען איבער די דאַכער און װי אַפּורמאַן שרײט צו זײנע פֿערד, װעלכע האָבען זיך פֿער עקשענט װילען בשום אופֿן ניט אַרױס גײן פֿון זומפּ. שאול בער דעם פּעל האַנדלער איז געװען אַחדוש נפֿלא פֿאַר װאָס למשל װילען דאָס דיא פֿערד דװקא שטעהן אונטערן רעגען און אײלען זיך ניט אין שטאַל, די פֿערד דאַכט זיך האָבען דאָרט ניט קײן שלעכטע װײבער, קײן אַרורות, װי ער, שאול בער, דער גבאי פֿון קהל׳שען בית המדרש, און דער נאמן פֿון חברה קדישה, אױף איהם, װאָס ער שטעהט אין דרױסען איז שױן — װעהט איר — גאָר קײן חדוש ניט: ער האָט אַװײב — ניט פֿאַר קײן אידען געדאַכט, אַגרױסע ארורה, אַז צװישען טױזענד שלעכטע װײבער נאָך אײנע אַזאַ נוטע שלעכטס איז גאָר ניט צו געפֿינען. אין די ערשטע צײטען נאָך דער חתונה איז ער ניט אײן מאָל אַרױס געלאָפֿען פֿון שטוב מיט דעם פֿעסטען בעשלוס לױפֿען צום רב שמועסען מכּח גט. לעבען מיט איהר איז ניט מעגליך. און מיט דעם פֿעסטען בעשלוס איז ער דאַפּטאָם געלאָפֿען ביז׳ן בית המדרש, פֿערבײ געהענדיג איז ער אַרײן אין בית המדרש צו בערוהיגען זיך אַביסעל בכדי ער זאָל קאָנען רײדען

מִיט קָאפּ , כְּדֵי עֶר זָאל ווייסֶען וָואס צוּ טַעֲנָה'ן . דִי טַעֲנוֹת זַיינֶע זַיינֶען שׁוֹין אִין מֹחַ אֲפִילוּ פַארְטִיג גֶעוָוארִין , נָאר דֶער וַוייל זַיינֶען אִין שׁוּל אָנְגֶעגַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען אוּנ מֶען הָאט אַפּאטְשׁ גֶעטָאן מִנְחָה , נָאךְ מִנְחָה הָאט מֶען זִיךְ אַבִּיסֶעל פֶער רֶעדְט מִיט אַבֶּעקַאנְטֶען אִידֶען וֶועגֶען מִסְחָר , מִיט דֶעם אַנְדֶערֶען וֶועגֶען שְׁטֶאדְטִישֶׁע עִנְיָנִים מִיט דֶעם דְרִיטֶען וֶועגֶען פָּאלִיטִיקֶע אוּנ וֶועלְט נַייסֶען אוּנ אַזוֹי אִיז אַוֶועק דִי צַייט בִּיז מַעֲרִיב אוּנ נָאךְ מַעֲרִיב הָאט זִיךְ שָׁאוּל בֶּער אוּם גֶעקוּקְט אַהֵיים גְלַייךְ וִוי גָאר נִישְׁט נִיט גֶעוֶוען אוּנ גֶעבֶּעטֶען עָסֶען :

— צִיפֶּע , גְרֵייט צוּם טִישׁ .

— גְרֵייטֶען זָאל מֶען דִיךְ צוּם קֶבֶר , תַּכְשִׁיט מַיינֶער !

— צִיפע , אִיךְ ווִיל עֶסֶען .

— עֶס קְרֵיינְק , מַכּוֹת , וֶועריִם זָאלִין דִיךְ עֶסֶען .

— צִיפע , גִיבּ עֶסֶען ! וֶועסְט גֶעבֶּען ?

— גֶעבֶּען זָאל דִיר גָאט קַדָחוֹת , יְסוּרִים פוּן אַלֶע אִידֶען .

שָׁאוּל בֶּער דֶער זֶעהט , אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט , נִיט מִיט גוּטֶען , נִיט מִיט בֵּייזֶען , זִיא גִיט עֶפֶּעס כַּק אַזֶעלְכֶע זַאכֶען , מִיט וֶועלְכֶע מֶען קָאן דֶעם הוּנְגֶער נִיט שְׁטִילֶען , לָאזְט עֶר זִיךְ בִּכְבוֹדוֹ אוּנ בְּעַצְמוֹ שְׁנָארֶען אִיבֶּער דִי אַלְמֶערְס גֶעפִינְט אַמָאל עֶפֶּעס וָואס אוּנ אַמָאל וָואס עֶס אִיז אוּנ זֶעצְט זִיךְ עֶסֶען . עֶר עֶסְט אוּנ דִי וַוייבּ בֶּענְשְׁט מִיט טוֹידְטֶע בִּיטֶערֶע קְלָלוֹת , נָאר וִוי עֶס אִיז אָפּ גֶעפֶּטֶר'ט זִיךְ מִיט זַיין עֶסֶען , אוּנ עֶר לֵייעֶנְט שׁוֹין קְרִיאַת שְׁמַע . אוּנ וַוארְפְט זִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט , דִי וַוייבּ בֶּעדֶעקְט אִיהם אָפְט מָאל אֲפִילוּ מִיט וַוארֶעמֶע חָאלִיעֶרֶעס , מִיט הֵייסֶע טִיפֶּעסֶען , נָאר עֶס שַׁאדְט נִיט בַּאלְד שְׁפִּיעלֶען זִיךְ פֶערְנַאנְדֶער זַיינֶע נָאזְלִיכֶער אוּנ עֶנְטְפֶערִין אוֹיף אַלֶע קְלָלוֹת מִיט פֶערְשִׁיעדֶענֶע טָאנֶער מִיט אַהִילְכִיגֶען חְרָאפֶּען .

אֵיין מָאל אֲפִילוּ הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶעהר בֶּעוָוארֶענְט אוּנ פֶערְגְרֵייט אוֹיפְ'ן פַּאפִּיר אַלֶע זַיינֶע טַעֲנוֹת אַזוֹי , אַז עֶר זָאל שׁוֹין בַּיים רֶב גָאר נִיסְט דַארְפֶען רֵיידֶען , נָאר דָאס הָאט אוֹיךְ גָאר נִיסְט גֶעהָאלְפֶען , אֵיין מָאל וֶוען דִי וַוייבּ הָאט אִיהם שׁוֹין זַייעֶר דֶער עֶסֶען אִיז עֶר אֲפִילוּ ווִידֶער אַרוֹיס גֶעלָאפֶען אִין דְרוֹיסֶען מִיט דֶער מַחֲשָׁבָה :

(כְּשׁוּף שְׁפִּיגֶעלֶע) אנדערם

"אַנְדערס ניט, הײנטיגען מָאל מוז וֶוערֶען אַסוף" עֶר הָאט אֲפִילוּ שוין די פֶערשְׁרִיבֶּענֶע טַעֲנוֹת אויךְ גֶעהַאט אין בּוּזים, נָאר וָואס הֶעלְפְט דֶעם מֶענְשֶׁענְס בֶּעוָואָרְענִים וֶוען גָאט בָּרוּךְ הוּא וִויל נִיט? וִויא נָאר עֶר אִיז אַרוֹיס אִין דְרוֹיסֶען הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנ הָאט זִיךְ פֶערְטְרַאכְט.

— גֶט'ן זִיךְ? מִיט אַיין אֵיינֶענֶער ווייב גֶט'ן זִיךְ? אוּנ נָאךְ וֶוער? אִיךְ, שאול בער, וָואס אִיז, לוֹיב גָאט, אספּאסאווקער בַּעַל-הַבַּיִת'ל, מִיט אַבוּד אִין מַארְק, מִיט אַפֵּיינֶעם מִסְחָר, מִיט אַשְׁטָאָדְט אִין קְלוֹיז אוּנ מִיט אַדֵעָה אִין קָהָל, זָאל אִיךְ שְׁטֶעהְן בַּיים רָב אוּנ גֶט'ן זִיךְ מִיט אַווייב? פוּי, נִיט שֵׁיין!

— וַויינֶען מִיט אִיהר? — שְׁרַייט זִיךְ פֶערְנַאנְדֶער אִין אִיהם עֶפֶּעס אַצְוַוייטֶער קוֹל, — מִיט אַזַא אַרוּרָה! זִיא זָאל מַאכֶען צוּ קוֹיט אוּנ צוּ בְּלָאטֶע — וֶועמֶען? מִיךְ! מִיךְ, שאול בער'ן! אִיךְ בִּין דָאךְ עֶפֶּעס נִיט אַבִּי וֶוער, אִיךְ בִּין עֶפֶּעס אַשְׁטִיקֶעלֶע "יֵשׁ" אִין שְׁטָאדְט, פָּארְט וִוי זָאגְט מֶען עֶס, אספּאסאווקער בַּעַל הַבַּיִת'ל מִיט אַיין אֵייגֶען הוֹיז אִין "בְּרָאם-גַאס", מִיט אַיין אֵייגֶענֶעם בּוּד אוֹיפְ'ן מַארְק, מִיט אַפֵּייגֶעם מִסְחָר, מִיט אֵייגֶענֶע צְוַויי קִיה אוּנ מִיט דְרַיי קִינְדֶערְלֶאךְ זָאלֶען גֶעזוּנְד זַיין, מִיט אַשְׁטָאדְט אִין מִזְרַח אוּנ מִיט אַדֵעָה אִין קָהָל, אַלְץ לַייטִישׁ, אוּנ זִיא, דִיא שְׁטִיקֶער נְבֵלָה, זִיא זָאל פוּן מִיר מַאכֶען אַש אוּנ רוֹיךְ, זִיא זָאל מִיר אַזוֹי פֶערְבִּיטֶערֶען מַיין לֶעבֶּען, נִיט קֵיין טָאג אוּנ נִיט קֵיין נַאכְט, נִיט קֵיין שַׁבָּת אוּנ נִיט קֵיין וָואךְ. זַיין, וִויא זָאגְט מֶען עֶס, אַמֶענְשׁ בַּייא לַייטֶען אוּנ אַהוּנְד אִין מַיין אוֹיגֶען הוֹיז, פְרֶעמְדֶע זָאלֶען מִיר אָפּ גֶעבֶּען כָּבוֹד אוּנ מַיין אֵייגֶען ווייב זָאל מִיךְ שִׁילְטֶען קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת, נֵיין! דִיא קַאטְץ וָואס מַייז הַרְגֶענֶען זִיא, אִיז קֵיין קַאטְץ נִיט, אַמַאנְסְבִּיל דַארְף זַיין אַמַאנְסְבִּיל, אוּנ אַז נִיט דַארְף מֶען נִיט, גֶט אוּנ אַסוּף.

עֶר גֶעהְט אָפּ נָאךְ עֶטְלִיכֶע טְרִיט אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ ווידֶער אָפּ.

— גֶט'ן זִיךְ מִיט צִיפֶען? אֱמֶת, זִיא הָאט אַצוּנְג פוּן בְּלֶעם הָרָשָׁע, אָבֶּער וֶועלְכֶע אִשָּׁה אִיז דָאס בֶּעסֶער? פוּן טוֹיזֶענְד גִיטָא אֵיינֶע אַרֶעכְטֶע אֱמֶת, זִיא אִיז שְׁלֶעכְט וִוי טִיטוּס הָרָשָׁע אוּנ בִּיטֶער וִויא

 דער

דער טוידט, אָבּער זיא איז דאָך פֿאָרט, וויא זאָגט מען עס, שיין ווי די ליכטיגע זונן, ווי אבּת מלכּה, אבּיסעל איז זיא גערעכט, וויא איך, בעדניאנסקער קלויזניק, צו האָבּען אזא שיין ווייבּעל? אלע פּריצים וואס קומען צו מיר ווערען די כּפּרה. „בערקא, גדיע טי דאסטאל טאקיוו קראסאוויצע? דאס הייסט, וואו האסט דוא, בערקע, געפּאקט אזא יפהפיה? פֿראגען זייא, אונ וואס זיינען זיי ניט גערעכט? אַשיינע ווייבּ איז פֿאָרט אשיינע, וואס זאל מען ריידען? שיין איז ניט מאוס, אלץ ווילט זיך, ווי זאָגט מען עס, אז עס זאל זיין שיין. אשטאדט אין מזרח — אשיינע, אטלית מיט איין עטרה — אשיינע, אלולב מיט איין אתרג—אשיינער, אפילו אסוכּה ווילט זיך אויך זאל זיין אשיינע, היינט אַווייבּ — איז דאָך על אחת כּמה וכמה, אונ וואס טויג דיא נארעריי? אשיינע ווייבּ איז דאָך פֿאָרט, ווי זאָגט מען עס, אשיינע.

— נישט קשה, בערעלע, — טרייסט ער זיך — לייד וועסט אויס ליידען, נישט קשה, עס ווערט זיך איבּער מאהלען אונ עס וועט זיין מעהל.

ער ווערט פֿריילכער אונ האט שוין בּדעה אום קעהרען זיך אהיים, אונ איר איבּער בּעטען—נישט קשה, — טרייסט ער זיך,— היינטיגען מאל וועט זיא מיר בּאלד מוחל זיין, אונ מיר וועלען ווערען גוטע פֿריינד. נאר, גיין! — גיט ער זיך צוריק אחאפּ, — גלייכער אריינגנבע'ענען זיך אין שטוב שטילערהייד אונ מאכען נאר אשוויינ, גלייך ווי נאר ניסט ניט געוועזען, אלא ניט, וויא איך וועל נאר אויס ריידען אווארט, וועט זיא אפּעגען איהר פּיסק, אונ אפּיסק האט זיא, אז בּעהיט זאל מען ווערען. אונ ווי ער דער מאנט זיך אויף איהר פּיסק ווערט ער צוריק אויפֿגערעגט. ער מאכט זיך הארץ אונ טראכט:

— ניין, מען קאן פֿון איהר ניט אריבּער טראגען, איך בּין ניט פֿון אייזען, איך מוז מאכען אטאלק, אזוי קאן עס ניט זיין, איך וועל זיך ניט לאזען שפּייען אין קאשע, — גט אונ אסוף!

ער וויל זיך שוין ריהרען פֿון ארט, ער מאכט זיך שטארק,

(בּשוף שפיגעלע) וואס

וָאס בְּעטְרָאפְט בַּיי אִיהם, לְמָשָׁל, אִיצְטֶער, אַגְלָיוֹת הַפְּלִישְׁתִּי? עֶר דַארְף גָאר אֲפִילוּ נִיט קַיין שְׁטֵיינְדֶעל. פוּן טָאהל, נִיט קַיין שְׁלַיידֶער־הָאלְץ, אוּנ נִיט קַיין טָארְבֶּע פוּן דִי פַּאסְטִיכֶער, עֶר דַארְף גָאר נִיסְט, מִיט אֵיין שְׁנֶעל אִין נָאז, וָואלְט עֶר בַּיי אִיהם פַאלֶען אַרְצָה אוּנ וָואלְט וֶוערֶען דִי כַּפָּרָה אוֹיפ׳ן אָרְט, אַשְׁפַּאס אַזַא גְבוּרָה! עֶר לַאכְט פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר. גֶעדַארְפְט אוֹיס זָאגֶען דֶעם סוֹד, — דוּדְקִי! אוּנ גָט אִיז אַהוּנְד?

עֶר הָאט פוּן זִיךְ שְׁטַארְק הֲנָאָה, אוּנ גֶעהט מִיט דְרַייסְט אָפּ צֶעטְלִיכֶע טְרִיט אוּנ—בֶּעגֶעגֶענְט זִיךְ מִיט אַבֶּעקַאנְטֶען אִידֶען.

— אַ ר׳ שמערעל! וואוּהִין?

— טַאקֶע צוּ אַייךְ, אוּנ אִיהר, ר׳ שאול בער, וואוּהִין?

— אַ! אִיךְ גֶעה זִיךְ דוּרְךְ אַבִּיסֶעל.

— אִין אַזַא פָּאגָאדֶע?

— נוּ, וָואס אִיז? נָאכ׳ן עֶסֶען פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ, נָאר וָואס גוּטְס וֶועט אִיהר זָאגֶען?

— אָט אַזוֹי זִיךְ, סְחוֹרָה הָאבּ אִיךְ אַבִּיסֶעל.

— וָואס פַאר אַסְחוֹרָה?

— דַקּוֹת, גָאלְד זָאג אִיךְ אַייךְ, גָאלְד, ווִי אִיהר זֶעהט מִיךְ אַ אִידֶען. אֶמֶת, ר׳ שאול בער, מֶען זָאגְט אַז עֶס בְּרֶענְט, פְּשׁוּט אִין זִיבֶּעטֶען הִימֶעל?

— עֶס בְּרֶענְט נִיט אַזוֹי, ווִי אִיהר מֵיינְט, עֶס אִיז גָאר אַהֶיפֶךְ, נָאר מֶען דַארְף גֶעהן אַקוּק גֶעבֶּען אַייעֶרֶע גָאלְד.

אוּנ שאול בער גֵייט אַוֶועק מִיט דֶעם בֶּעקַאנְטֶען שמערלען זֶעהֶען דִי פֶּעלְדְלֶעךְ, אוּנ נָאךְ אַלַאנְגֶע דְרִינְגֶעבַיי. קְרִיעג אוּנ שְׁוָוערֶענִים, מַאכְט עֶר פָּארְט אַדִי קְנִיָה, אוּנ גֵייט מִיט דֶעם וָועלְכֶען שמערלען צוּרִיק אַהֵיים אִיהם בֶּעצָאהלֶען.

— אַבִּיסֶעל סְחוֹרָה גֶעקוֹיפְט, — הָאט עֶר אִין אֵיין אָטֶהֶעם אוֹיס גֶערֶעדְט, ווִי עֶר אִיז גָאר דֶעם שְׁוֶועל אַרִיבֶּער.

צִיפֶע מַאכְט זִיךְ נִיט הֶערֶענְדִיג אוּנ שְׁוַוייגְט.

(כְשׁוּף שפיגעלע) אט

— אָט אִיז דִי סְחוֹרָה, עֶר ווִיל אִיהר זָאגֶען אַסוֹד, אַז עֶר הָאט גוּט גֶעקוֹיפְט, אַז עֶס וועט זַיין פַּרְנָסָה, נָאר ווִיא עֶר הָאט זִיךְ נָאר צוּ גֶערוּקְט צוּ אִיהר, הָאט אִיהם ציפּע גֶעגֶעבֶּען אַגוּטֶען שְׁטוּיס פוּן זִיךְ, אַז עֶר שִׁיער נִיט גֶעפַאלֶען, גוּט נָאךְ וָואס נִיט וַוייט אִיז גֶעוֶועזען דֶער טִישׁ.

— גִיבּ דִי שְׁלִיסֶעלַאךְ, — הָאט עֶר אוֹיס גֶערֶעדְט מִיט כַּעַס, — מֶען דַארְף אִיהם בֶּעצָאהלֶען.

— בֶּעצָאהלֶען זָאל דִיר נָאט מִיט דֶער תּוֹכָחָה.

— נוּ, גִיבּ שׁוֹין דִי שְׁלִיסְלַאךְ, אִיךְ דַארְף אַרוֹיס נֶעמֶען דָאס גֶעלְד.

— גֶעל אוּנ גְרִין זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען.

— נוּ, בֶּעצָאהל דוּ, אִיהם קוּמְט...

— קוּמֶען זָאל אוֹיף דִיר אַמַפֵּלָה.

— וָואס ווִילְסְט דוּ? גִיבֶּען אִיהם פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג רוּבְּל מִיט צְוֵויי גִילְדֶען.

— מִיט נָאךְ אַצְעהנֶער, ר' שאוּל,

— פוּי, ר' שמערעל, אִיךְ הָאבּ פוּן אַייךְ מֶעהר גֶעהַאלְטֶען, פוּן וָואס עֶר מַאכְט אַיין אִיבֶּער רֵייד?

דֶער וַוייל הָאט ציפּע אִיבֶּער גֶעקוּקְט דִי סְחוֹרָה, אוּנ קָאנְטִיג. אַז זִיא אִיז פוּן דֶער קְנִיָה גֶעוֶועזען צוּ פְרִידֶען, וָוארִים זִיא הָאט אִיהם בַּאלְד אַוָוארְף גֶעטָאהן דִי שְׁלִיעסֶעלַאךְ אוּנ זֵיי זַיינֶען גֶעפָאלֶען אִיהם גְלַייךְ אִין פָּנִים אַרַיין.

— אָט אִיז אַיין אַרוּרָה, — הָאט שאוּל בער אוֹיס גֶערֶעדְט מִיט כַּעַס אוּנ מִיט קַאלְטֶע וַואסֶער גֶענוּמֶען שְׁווֵיינְקֶען דֶעם נָאז, דַאן הָאט זִיךְ פוּן אִיהם אַלָאז גֶעטָאן הַייסֶע, שְׁטְרָאמֶען בְּלוּט.

— ווִי פִיעל קוּמְט אַייךְ? — הָאט דַאן זִיךְ ציפּע גֶעוֶוענְדֶעט צוּ שמערלען, גְלַייךְ ווִי נָאר נִיסְט.

— פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג רוּבִּיל מִיט פִינְף אוּנ דְרֵייסִיג קָאפֶּעקֶעס, — הָאט שמערעל גֶעאֶנְטְפֶערְט.

— הוּ, הוּ, — הָאט שאוּל בער גֶעבְּרוּמְט אוּנ גֶעשָׁאקֶעלְט

מיט'ן קאפ אויף גיין, נאר ריידען האט ער ניט געקאנט, ציפע האט פערשטאנען, וואס ער מיינט, נאר איהם אויף להכעיס האט זיא דווקא געגעבען דעם איבעריגען צעהנער אויך.

שמערעל האט צו גענומען דאס געלד און איז זיך אוועק, און ערשט דאן האט זיך ציפע גענומען אפ רעכענען מיט שאול בער'ן דער פאר וואס ער האט אזא „ווערימדיגען צונג" און אזא „פערפלוכטען נאז". און אפ רעכענען זיך האט זיא גוט געקאנט! נאר אין שאול בער'ן האט זיך ווידער געוויזען גבורה, ניט אזוי זיך גבורה. נאר אידישע גבורה, — גבורה צוא ליידען און צוא שווייגען.

זיין שווייגען האט ציפען נאך מעהר צו רייצט, זיא האט זיך צו איהם גענומען נאך מיט מעהרער כעס און גיפט, נאר שאול בער האט אלץ געשוויגען. ער האט אויפגעזוכט „עפעס וואס" און געשוויגען, ער האט אפ געגעסען און אלץ געשוויגען, ער האט אפ געבענשט, אפ געלייענט קריאת שמע, און — האט זיך געלייגט שלאפען. באלד טאקע איז ער אנטשלאפען געווארען, און געחלום'ט וועגען דער קניה און וועגען פערדינסט...

— זיין שווייגען איז עפעס ניט אומזיסט, — האט זיך ציפע געטראכט מיט פער דריסען, — עס ארט איהם שוין גאר ניט, עס מוז עפעס זיין!

אין מעשה שטן האט זיך איהר דערמאנט אמעשה, וואס עס האט זיך געטראפען מיט איהר חבר'טע, מיט הינדען.

געוועזען איז עס כמעט די זעלבע וויא מיט איהר, זיא איז אויך געוועזען — וואס זאל מען ריידען? וויא אלע קלוגע ווייבער... מיט אמאל איז „ער" עפעס געווארען שטיל, עס האט איהם ניט געארט, צום סוף איז ער געווארין עפעס זייער גוט, „נא, האק מיך, בראק מיך, טוא וואס דו ווילסט" זיא: „אקריינק דיר אין קאפף, אמכה דיר אין הארצין" און ער: „שא, מיין לעבען, שטיל, מיין נחמה". זיא האט גאר גיסט פערשטאנען, און ניט געוואוסט, אז ער האט אונטערין בוזים אפארטיגען גט, איין מאל איז ער גיזעסען

איבער זארעבענונג געשריבען אונ גירעכינט אונ זיא, וויא דער שטייגער, אקלוגע אידענע, וואס האלט דעם מאן אין דער מורא, האט איהם אונטער געהאלפען: „אויס געמעקט זאלסט דו ווערין פון נאט'ס לייסטער, אויס געריסען זאלסט דו ווערין נאך די יאהרין אונ טאג" אונ ער אלץ מיט גוטען: „שא, מיין לעבען, שטיל, מיין נחמה, שטער מיר ניט, מיין נחת „פלוצלונג זיינען גיקומען צוויי אידין אונ רופען איהם מנחה דאווענען אנטקעגען צו אשכן אין אבל. ער האט ניט איבער גערעט קיין צוויי ווארטער, צו געמאכט דעם לייסטער אונ אויף גיך אויף גישטאנען, הינדע, מיין לעבען, נעם צוא דעם לייסטער, נאר זעה ווארף ניט ארויס נאר גיסט, יעדער בלאטיל איז דא געלד" אונ הינדע די נאר גענומט צו דעם לייסטער אונ פערשליסט אין קאמאד, נאר ווער קאן זיין אזוי קלוג? ווער האט זיך דאס גאר גיקאנט ריכטען, אז דארטין איז גילעגען אגט? „זייט עדות, רבותי, דאס איך האב געגט מיין ווייב" האט ער אויס גערעט אונ איז ארויס פון שטוב, אונ זיא האט גענומען וויינען אונ חלש'ען, נאר פערפאלען, ער איז אפהין געוועזן..,

— אונ מיינער? ער איז דאך אויך אפהין? אונ אפשר וויים ער אויך דערפון? אפשר האט ער זיך שוין בעווארענט, — האט זיא זיך מיט שרעק גיטראכט, אונ איז משוגה'דיג בלאס גיווארין.

— ניין, איך וועל גיט זיין אזא נאר! — האט זיא זיך גימוטהיגט אונ געטרייסט.

זיא האט זיך גענומען ריהען אין דעם מאנס לייסטער. אין זיינע פאפירען אונ האט אבער נאר ניסט געפונען, נאכהער האט זיא זיך גענומען איבער זוכען די קעשענעס פון זיינע קליידער אונ אין בוזים קעשענע פון זיין ראק האט זיא געפונען א... גרויסען בויגין פאפיער פערשריבען פון אלע זייטען מיט קליינע אותיות'לאך, עס איז איהר געווארען קשה.

— וואס איז דאס? — האט זיא אויס געשריען מיט שרעק אונ עס האט איהר גיקלאפט אצאהן אן אצאהן, צו איהר גליק האט דאן ביי איהר גענעסען אקלויזניק.

(כשוף שפיגעלע)

— נא, זייא אזוי גוט, לייעז איבער וואס שטייט דא.

און דער קלויזניק האט גענומען לייענען די טענות.

— אהא, געפאקט! — האט ציפע אויס געשריהען און האט זיך שטארק פענאנדער געלאכט, — ווארט, ממזר, וועסט דאכט פריהער אמיתה משונה איין נעמען, איידער דוא וועסט דער לעבען צו גט'ן זיך מיט מיר.

ציפע האט זיך פערטראכט, וואס זאל זיא איצטער טאן, וויא אזוי זיא זאל זיך מיט איהר מאן אפ רעכענען דער פאר און וויא אזוי זיא זאל זיך בעווארענען.

— גיין מיט גוטען? ניין, נאך ערגער, וועט ער זעהען, אז איך האב פאר איהם מורא, און דאס ניט! — אזוי טראכטענדיג האט זיא פערגעסען אפ נעמען ביים קלויזניק דעם בויגין פאפיר.

אויף מארגען האט דער זעלבער קלויזניק גיגעסין ביי משה דעם וואבערניק, משה איז גיוועזן איונגער מאן, ניט לאנג אראפ פון קעסט, קיין ארבעט האט ער ניט געהאט, ווייל זיין נדן האט אים ניט שלעכט מפרנס גיוועזן, די הוצאה איז נאך געוועזן ניט גרויס און דיא הכנסה איז גרעסער געווארין פון טאג, ער איז אלזא גיוועזן שטענדיג פריילין און ליב געהאט צו וויצלען.

— זעהט עפעס אנגעלאכטער, — האט צו איהם גיזאגט דער קלויזניק און איבער געגעבין משה'ן שאול בער'ס טענות, משה האט דעם בויגען פאפיר צו גינומען צו זיך, און אויף מארגין האט ער עס פאר גילעזין אין שול אויפ'ן בימה פאר אלע ספאסאוויהער בעלי בתים. שלעכט! שאול בער האט ניט גוט אפ גישניטין, אנאנציין יאהר צייט האט ער אין שול קיין ווארט ניט אויס גירעט, און איז גיוועזן ביי זיך זייער פערשעמט און אראפ געפאלען.

ער האט אפילו באמת גאר ניט גיהאט וואס צו שעמען זיך, ווארום איז גאנץ ספאסאווקע איז שוין גיוועזן גוט בעוואוסט, וואס באי איהם אין שטוב קומט פאר, אלע האבין שוין גוט גיוואוסט, אז פרייטאג אין דער פריה קאן איהם פליהען אין קאפ די מולטער מיט די טייג אדער זיין ווייב קאן איהם אויס פאטשען דעם פנים, מיט

(בשוה שפיגעלע) ארדיע

אַרוֹיעֶ חַלָה. שַׁבָּת קָאן עֶר אָפּ גִינָאסִין וֶוערִין מִיטְ'ן טְשָׁאלֶענְט, אוּנ דֶער קוּגֶעל מִיט דִי פְּלֵייש זָאלִין רוּהֶען אוֹיפְ'ן מִישְׁטְקַאסְטִין, הַכְּלַל אַלֶע הָאבֶּען פוּן אַלֶעס שׁוֹין גוּט גִיוואוּסְט, אוּנ דֶער פַאר טַאקֶע הָאט זִיךְ שָׁאוּל בֶּער נָאךְ מֶעהר גִישֶׁעמְט, נָאר מַאכִין אַנְדֶערְשׁ הָאט עֶר נִיט גִיקָאנְט.

וֶוען יֶעמַאנְד הָאט זִיךְ מִיט אִיהם גִיקְרִינְט, הָאט מֶען אִיהם מִיט קַיין זִידְלֶערַיי נִיט גִיקָאנְט דֶער נֶעמֶען, דֶאן צוּ דִי אַלֶע אִיז עֶר שׁוֹין צוּ גִיוָואהְנְט פוּן לַאנְג, גִינוּג הֶארְט עֶר זִיךְ אָן אַזֶעלְכֶעס אַלֶע טָאג, נָאר קוֹים הָאט יֶענֶער אַזָאג גִיטָאן: אוּנ דִיא טַעְנוֹת? ... גֵייא זִיךְ גָאר גֶטְ'ן מִיט דַיין וַוייבּ! — אִיז עֶר שׁוֹין שְׁטִיל גִיוָוארִין, אוּנ אִיז בַּאלְד פוּן יֶענֶעם פֶערְשׁוואוּנְדִין גִיוָוארִין, וַוייל עֶרְשְׁטִינְס, אִיז דָאס גִיוֶועזֶען אַחַרְפָּה פַאר אִיהם אַלֵיין, אוּנ צְוֵוייטִינְס, הָאט עֶר דָא אַלֵיין גִיפִילְט זַיין נִיכְטְסְוִוירְדִיגְקַייט אוּנ זַיין שְׁוַואכְקַייט. אָבֶּער וֶוערֶען שְׁטַארְק הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיקָאנְט, דֶען זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ שׁוֹין גוּט בֶּעוָוארֶענְט, עֶס אִיז אִיהם נָאר פֶערְבְּלִיעבֶּען אַיין וֶועג — דוּלְדֶען אוּנ הָאפִין אוֹיף בֶּעשֶׁערְס.

חָאטְשׁ שָׁאוּל בֶּער מִיט צִיפֶּען הָאבִּין גִילֶעבְּט, ווִיא מֶען הָאט גִיזָאגְט אִין סְפַּאסָאוְוקֶע, ווִיא אַקַאץ מִיט אַמוֹיז, חָאטְשׁ אַלֶעמֶען אִיז שׁוֹין גִיוֶועזֶען גוּט בֶּעוואוּסְט, אַז צִיפֶּע אִיז אַיין אֲרוּרָה אִין דֶער וֶועלְט, נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז צִיפֶּע פָארְט גִיוֶועזֶען אַיוּדִישֶׁע טָאכְטֶער אוּנ הָאט אִיהרֶע דְרַייא מִצְוֹת אָפּ גֶעהִיט ווִיא אַיין עֶרְלִיכֶע יוּדֶענֶע, אוּנ בִּין צוּ יֶעדֶער קִינְדְ'ס גִיבָּארִין וֶוערִין הָאט שָׁאוּל בֶּער גִיהָאפְט, אַז נָאכְ'ן קִינְדְבֶּעט וֶועט מִיט דֶעם קִינְדְ'ס מַזָל זַיין מַזָל אוֹיךְ פֶערְבֶּעסֶערְט וֶוערִין, נָאר דָאס קִינְד הָאט אֶפְּנִים נָאר מַזָל גִיהַאט גִיבָּארִין צוּ וֶוערִין, אוּנ עֶס זַיינֶען שׁוֹין צוּ גִיקוּמֶען אַזֶעלְכֶע זִיבֶּען מַזָלוֹת אוּנ אִיהם אִיז דֶערְפוּן נִיט גִיוָוארִין בֶּעסֶער, דַאגֶעגֶען אִיהם אִיז אַלְץ גִיוָוארִין עֶרְגֶער אוּנ עֶרְגֶער. אוּנ הַיינְטִיגֶען מָאל הָאט זִיא אִיהם פָּשׁוּט דֶער לַאנְגְט דִי גַאל אִין הַאלְז, זִיא הָאט אִיהם אוֹיף אַזוֹי פִיעל פֶערְבִּיטֶערְט זַיין לֶעבִּין, אַז עֶר אִיז פוּן מִיטִין עֶסִין אַרוֹיס גִילָאפִין אַפֶערְצְוֵוייפִילְטֶער אִין דְרוֹיסִין.

אונ אִין דְרוֹיסֶען אִיז גִיוֶועןְ זֵייעֶר אַשְׁלֶעכְטֶע פְּאגָאדֶע , עֶס אִיז גִיוֶועןְ זֵייעֶר קַאלְט אונ עֶס הָאט גִינָאסִין אַגְרוֹיסֶער רֶעגִין , שָׁאוּל בער'ן אָבֶּער הָאט עֶס וַיינִיג גִיאַרְט . עֶר הָאט גִיקוּקְט אוֹיף דִיא פֶעְרְד , וָואס וִוילִין בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט אַרוֹיס קְרִיכֶען פוּן זוּמְפּ אונ עֶר הָאט זִיךְ פֶערְטְרַאכְט :

— בִּין אִיךְ דֶען בֶּעסֶער ? בִּין אִיךְ דֶען נִיט אַזַא פֶערְד , וִויא זֵיי ? מֶען שְׁמַייסְט מִיךְ אונ מֶען שְׁמַייסְט מִיךְ , אונ אִיךְ וִויל אַלְץ נִיט אַרוֹיס קְרִיכִין פוּן בְּלָאטֶע , נָאר , גֵיין „עֶס מֶאג זִיךְ קֶעהְרִין הִימִיל מִיט עֶרְד , הַיינְט מוּז נֶעמֶען אַסוֹף ! אִיךְ גֵייא צוּם רָב !

אונ עֶר אִיז טַאקֶע פָארְט אַוֶועק צוּם רָב .

## 2.

## דִיא מוּטֶער אונ דִיא טָאכְטֶער :

צִיפֶּע זעלדע זלאטעס אִיז גִיבָּארִין גִיוָוארִין אִין סְפָּאסָאוְוקֶע , אִיז אוֹיפְגֶעהָאדֶעוֶועט גִיוָוארִין אִין סְפָּאסָאוְוקֶע , אונ אִיז גֶעוֶוען בֶּעוואוּסְט אִין גַאנְץ סְפָּאסָאוְוקֶע פַאר דִי שֶׁענְסְטֶע פוּן שְׁטֶעטִיל אונ דֶער מִיט הָאט זִיא זֵייעֶר גִישְׁטָאלְצִירְט .

קֵיין לֶעהְרֶער הָאט זִיא נִיט גִיהַאט , גִילֶערְינְט הָאט זִיא אִיהר מַאמֶע , זעלדע זלאטע , אונ אֲפִילוּ אִיהר טַאטֶע נטע זעליג דֶער מְלַמֵד הָאט אוֹיךְ מִיטְ'ן גַאנְצִין הַארְצֶען מוֹדֶה גִיוֶוען , אַז זִיא אִיז זֵייעֶר אַגוּטֶע לֶעהְרֶערִין , זִיא קָאן זֵייעֶר גוּט מַדְרִיךְ זַיין . . . עֶר אִיז כָּל יָמָיו גִיוֶוען אַמְלַמֵד , דָאךְ לֶערְנֶען אַזוֹי גוּט בָּלָק וִויא זִיא הָאט מִיט אִיהם גִילֶערְינְט , הָאט עֶר נִיט גִיקָאנְט . דָאס אִיז אֲפִילוּ נִיט קֵיין גְרוֹיסֶער חִדוּשׁ , וָוארוּם זִיא הָאט דִי תּוֹרָה פוּן מוֹיל נִיט אַרוֹיס גִילָאזִין אונ זִיא הָאט עֶס גִילֶערְנְט מִיט אִיהם אִין יֶעדֶער צַייט , אונ יֶעדֶער שָׁעָה .

נטע זעליג אִיז גִיוֶוען אַיוּד אָן קוּנְצִין אונ גִיוואוּסְט , אַז פוּן אַנִייבּ בּארְף מֶען לַיידִין , אונ בִּכְלָל אִיז דָאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט דִיא

עוֹלָם הַזֶה גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין אוֹיף צוּ לַיידִין אוּנ אוֹיס צוּ לַייטֶערִין דִיא נְשָׁמוֹת. דֶער צוּ הָאט זִיא אַשְׁטִיקֶעל רֶעכְט צוּ שְׁרַייעֶן, וַוייל זִיא אִיז גִיוֶוען אַמַארְק אִידִינֶע, אַמֶעקְלֶערְקֶע פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע סְחוֹרוֹת אוּנ אוּנְטֶער גִיהַאנְדֶעלְט מִיט פַארְטִינֶע קְלַיידֶער, אוּנ פֶערְדִינְט מֶער פוּן אִיהם, אוּנ דָארְטִין, וואוּ דִי וַוייבּ אִיז אַפֶערְדִינֶערְקֶע, הָאט עֶר גוּט גִיוואוּסְט, מוּז מֶען נִיט ווִילֶענְדִיג אִיהר אָפּ גֶעבִּין דִי בְּכוֹרָה.

עֵשָׂו הָאט פֶערְקוֹיפְט דִי בְּכוֹרָה פַאר אַטָאפּ לִינְזִין, אוּנ נטע זעליג הָאט זַיין בְּכוֹרָה פַאר קוֹיפְט זַיין וַוייבּ פַאר אַטָאפּ הָאבֶּערְנֶעס קְרוּפְּנִיק שְׁוַוארְצֶע, אָדֶער פַאר אַטָאפּ קַארְטָאפְלֶעס אַלֶע הַאלְבֶּע נַאכְט, וָוארוּם אַזֵייגֶער אַכְט אָדֶער נַיין פְלֶעגְט עֶרְשְׁט זַיין אֵשֶׁת חַיִל קוּמֶען פוּן מַארְק, אוּנ דַאמָאלְסְט פְלֶעגְט זִיא זִיךְ נֶעמֶען צוּם אוֹיס קָאבִין דֶעם אָנְבַּייסִין, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט קוּים פַארְטִיג וֶוערִין אוֹיף צְוֶועלְף אֵייגֶם אַזֵייגֶער אוּנ אַמָאל נָאךְ שְׁפֶּעטֶער. נטע זעליג הָאט זִיךְ נִיט אֵיין מָאל גִיוואוּנְשֶׁען, נָחִיי וָואלְט בֶּעסֶער זַיין וַוייבּ, זעלדע זלאטע, גִיוֶוען אַגַאנְצִין טָאג אִין שְׁטוּבּ, נִיט וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִינֵייטִיגְט אִין אִיהר פֶערְדִינְסְט, פֶערְקֶעהרְט! אוֹיךְ נִיט דֶער פַאר, וָואס עֶס וָואלְט אִיהם לִיבֶּערְסְט גִיוֶוען בֶּעסֶער נִיט פֶערְדִינֶען, אַבִּי נִיט עֶפֶּען קַיין מוֹיל, — דָאס, הָאט עֶר גִירֶעכִינְט. וָואלְט זִיא זָא ווִיא זָא... אוּנ אוֹיךְ נִיט דֶער פַאר, וָואס אִיהם אִיז גִיוֶוען טְרוֹיעֶרִיג אָן אִיהר. אֱמֶת, אַמָאל, וֶוען זִיא פְלֶעגְט זִיךְ פֶערְשְׁפֶּעטִינֶען אִין גַאס, פְלֶעגְט עֶר וֶוערִין טְרוֹיעֶרִיג אוּנ פְלֶעגְט נִיט אֵיין מָאל אִיבֶּער רֵיידִין: „זִיא אִיז נָאךְ נִיטָא! אַזוֹי שְׁפֶּעט! אַךְ אַמַעֲשֶׂה אַבִּיסִיל! וָואס קָאן דָאס זַיין? עֶס אִיז נִיט גְלַאט! נָאר דָאס אִיז גִיוֶוען נִיט דֶער פַאר, וַוייל עֶר הָאט נָאךְ אִיהר שְׁטַארְק גִיבֵּיינְקְט, זָאנְדֶערְין נָאר פָּשׁוּט, וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען שְׁטַארְק הוּנְגֶערִיג אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אִיהם זֵייעֶר גִיוָואלְט עֶסִין. דַאמָאלְסְט הָאט עֶר גִיפַאנְטַאזִירְט וֶועגִין דֶער סְעוּדַת שֶׁל לִוְיָתָן דָארְט אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעטְרוֹיסְט דֶער מִיט, אַז בַּאלְד וֶועט זִיא קוּמֶען, אוּנ וֶוען זִיא זָאל נָאר נִיט גִינַאנְגֶען וֶואלְט טַאקֶע הַיינְט נִיט גִיוֶוען וָואס צוּ עֶסִין. דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אָפְט מָאל גִיוואוּנְשִׁין, נָחִיי וָואלְט זִיא בֶּעסֶער

גיוועזן אגאנצין טאג אין שטוב, ווארום דאמאלסט וואלט זיא שוין איצטער לאנג גישלאפין, און באי טאג ווען זיא וואלט עפענען איר פיסק איז שוין ניט אזוי שרעקליך, באי טאג איז דא מיטלען דער צו; מען זאמט זיך אביסיל אין קלויז אין דער פריה, מען גייט אוועק צו מנחה, צו מעריב, און אז גאר שלעכט, הייסט מען דיא חדר אינגלאך לערנען מיט חשק און שרייען העכער, אבער ביי נאכט, און אזוי שפעט, וואס קאן מען טאן? עס בלייבט נאר איין מיטיל, הערין איר וויא די קאץ און לייגין זיך שלאפין, לאזט אבער ניט דער הונגער, דאס איז אויך אזו גוט, וויא אשלעכטע וייב...

אפילו גאנץ אפט טרעפט זיך, אז מען דער לעבט שוין קוים דיא מזל'דיגע שעה און דער אנבייסין ווערט פארטיג, און עסען איז נאך ניטא וואס, ווארום זיא גיסט אויף איהם אויס דעם גאנצין טאג, פון דעסט וועגין לאזט דער הונגער אלץ ניט לייגין זיך שוין שלאפין, פון דעסט וועגין הייסט ער אלץ זיצען און ווארטין... ווארטין און הערין וויא זיין וייב לעהרענט מיט איהם בלק און לייענט איהם די תוכחות...

ציפע איז אגאנצין טאג גיוועזן אין דרויסין, גישפיעלט מיט איהרע חבר'טעס און באי נאכט האט זיא זיך צו גיקלעפט צוא דער מוטער, ערשטינס ווייל די מוטער פלעגט איר יעדער מאל ברייגגען עפעס פון מארק, און צווייטינס איז זיא פון איהר פאטער שוין לאנג אפ גיריסין גיווארין, ווען זיא איז נאך גיוועזן גאר אקליינע און דער טאטע פלעגט זיא האלטין אויפ'ן האנד, פלעגט איר די מאמע לערנען אויס צו רייסין דעם טאטי'ן דיא האר פון בארד, און דאס קלוג קינד האט די תורה זיך זייער גיך אויס גילערינט.

— אט אזוי, מיין חכמה, שטארקער, שטארקער! — האט די מאמע גילערינט און צו שמאלצין זיך פון נחת, דער טאטע האט פאר גרוים ווייטאג גיקוסט זיין קליינע חכמה און אויך גילאכט...

שפעטער אביסעל ווען זיא האט שוין גיקאנט עטוואס ריידין האט איר די מוטער גילערינט צו רופין דעם טאטין: „מלמד" קבצן, שמאטע, טאטע, „קאבאטע" דאס קינד האט עס אויס גערעדט

(בשום שפיגעלע)

שארף

שארף מיט חשק, ווייל זיא האט גיוואוסט, אז די מאמע גיט דער פאר גוטע זאכין. די מאמע האט גיקוואלין הערענדיג, און דעם טאטין האט עס אויך גיט גיארט.

אזוי איז ציפע פרעמד און אפ געריסין גיווארין פון איהר פאטער, און נטע זעליג'ן האט עס ניט גיארט, וואלט זיא גיוועזן אאינגיל איז איין אנדער זאך, אאינגיל וואלט ער לערנען מאכען אברכה, בענשין ציצית, אלף בית, ערקלערין איהם וואס פאר אגאט מיר האבין און מיט וויפיעל מצות ער האט אונז גיהייליגט; אאינגיל וואלט ער שלאגין שמייסין און לערנען איהם צוא זיין אזא ערליכער איד, וויא דער טאטע, אמיידיל אבער — גאר גיסט, וואס זיא דארף, וועט זיא וויסין, און די מאמעס תורה וועט זיא קאנען... ציפע איז גיוועזן צו גיצויגן צו דער מוטער, און די מאמעס תורה גילערינט פלייסיג און גוט.

ווען ציפע איז גרעסער גיווארין האט זיא זעלדע זלאטע אב גיגעבין צו עזריאל דעם פעלדהענדלער אין קראם פאר אקרעמערקע, און אליין האט זעלדע זלאטע גימאכט אטויבע פושקע, דאס הייסט אפושקע וואס עפינט זיך ניט, נאר מיט אקליינע עפענונג פון אויבין, וואוהין זיא פלעגט ווארפין דאס, וואס זיא פלעגט אפ שפארען פון טאג.

— פאר מיין ציפקע'ן, — פלעגט זיא זיך טראכטען, — אמיידיל איז ניט אאינגיל, אמיידעל איז עפעס אנדערס, אמיידיל איז וויא זיא ווערט גיבארין דארף מען שוין טראכטין וועגין אשידוך.

די פושקע איז פון מאל צו מאל גיווארין פולער און, צוא זעלדע זלאטעס פרייד און שטאלץ איז ניט גיוועזן קיין שיעור, און מיט וואס צו שטאלצירין האט זיא אויך גיהאט, איר טאכטער ציפה האט שוין פאר איהר גישליפענעם צינגעל פערדינט געלד, און דער צו איז זיא גיוועזן די ערשטע שיינהייט פון שטעטיל, מען האט ציפען אנגיהייבין ריידין שדוכים פיינע שדוכים.

— ווייסט דו וואס, זעלדע זלאטע, — האט איין מאל אין אשעת רצון נטע זעליג גיזאגט צו זיין ווייב, — פון דינעדנאנסק איז

אַהער גיקומען אַקלויזניק, דאס איך האב נאך אזא וואויל לערנער נאר ניט גיזעהען, ער איז מיר זייער גיפעלין, איך וואלט אים וועלין נעמען פאר אונזער ציפקען.

— וואס? פאר ציפקען אַקלויזניק? — האט זיך זעלדע זלאטע אויפגיכאפט מיט פייער, — אז ניט דער לעבין, אז ניט דער הארין ווערסט דו?

עס זיינען אוועק עטליכע וואכען.

— נטע זעליג, ווער האט דאס היינט גיזאגט מפטיר? — האט זעלדע זלאטע איין מאל שבת, קומענדיג פון שול גיפרעגט באי איהר מאן.

— ווער! שאול בער דער ביעדנאנסקער קלויזניק, דאס האט יהושע בירך דער קצב גיקויפט פאר איהם מפטיר.

— דאס איז ער? ער מאקע אליין? אך, ער זעהט גאר ניט אויס וויא אַקלויזניק, ער איז דאך עפעס אמאנארכע. היינט זיין זאגען דעם מפטיר, אסור אויב איך האב עס נאך פון ווען געהערט אט אזוי.

— וואס זאל מען ריידין? אליטישער בחור, מיט אלע מעלות, ניט אומזיסט האט אויף איהם יהושוע בירך דער קצב גיווארפין איין אויג, ער גיט איהם עסין שבת, און איצטער האט ער פאר איהם גיקויפט מפטיר און בעצאהלט גאנצע צעהען גילדין, ער וויל אים אפנים נעמען פאר איין איידים.

— פאר זיין ציפורה'ן? פאר דער מאוסניצע? אז ניט זוכה, מאכט רש"י, באלד גייא מאקע צו פלטיאל דעם שדכן, און מיר וועלין זעהען ווער וועט אויס פיהרין, וואס זאל מען ריידין? ביא לייטין אַמאנזביל...

— אמאנזביל איז אמאנזביל... נו, איז וואס?

— דו ביזט דאך אבער מער ניט, אז אַצדיק מיט אבארד.

— וואס? אך? איך האב דאן ניט גיזאגט, הא?

— גיזאגט האט ער? וואס האסטו גיזאגט, פקדון מיינער?

— נו, פקדון, נו, נאך אַנייס!

— דו ביזט ביי מיר אַטייערער פקדון, אין דער ערד צוא בעהאלטען (כשוף שפיעגלע)

בעהאלטין , גיזאגט האט ער! וויא גיפעלט דאס אייך ? דער אנדערער וואלט מיינען אין דער אמת'ן ... זאבין אונ קריינקען זאלסט דו ! אזאנער מיינער ! אט אזוי זאגט מען ? דער לשון זאל דיר אפ געמען , שטום אונ קרום זאלסט דו ווערין .

זעלדע זלאטע האט זיך צו בעס'ט אונ האט גיקללה'ט גאר אן שפאס , דאך האט זיא היינטיגין מאל אביסיל מקצר גיוועזן : זיא האט זיך עפעס גיהיילט , מען האט אויף גיך אפ גיגעסען דעם טשאלענט , אונ זיא איז אוועק גילאפין צו פלטיאל דעם שכן , אונ איהר גאנג איז גיוועזן ניט אומזיסט .

— אגלייכע זאך ! — האט פלטיאל גיענטפערט אונ האט זיך גענומען צו דער ארבייט .

אין עטליכע טעג ארום איז שוין שאול בער גיקומען צוא עזריאל'ן אין קראם קויפען אפאר פארטיגע שטיפעל, אונ וויא ער האט דער זעהען ציפען איז ער גיווארין גאר אויסער זיך .

ציפע איז גיוועזן ניט קיין נאר אונ דערצו האט זיא אזעלכע סוחרים אין דער לעצטער צייט גיהאט פיעל. זיא האט באלד פאר שטאנען , וואס דאס בעטייט , אונ האט אויף דעם סוחר גינומען קוקען מיט אנדערע אויגען , ער איז איהר זייער געפעלען גיווארין , שיין קלוג , געראטען אונ לייטעש , מען דארף גאר ניט בעסער .

אין עטליכע טעג ארום איז גיוועזן תנאים אונ אין גיבען חתונה . זעלדע זלאטע האט פון איהר טויבע פושקע ארויס גישלעפט הונדערט רובל אונ 150 רובל האט ציפע אנגיקליבען די הונדערט רובל איז אוועק אויף קליידער אונ חתונה הוצאות אונ הונדערט פופציג רובל האט שאול בער בעקומען נדן , מיט דעם נדן האט ער גימאכט אקליינע פעל קראמיל , וואו ציפע איז געוועזן די גאנצע ווירטין , נאר מאכען איהם מאן פאר אבטלן , פאר איין אייביגען באנק קוועטשער האט זיא ניט גיוואלט , אונ שאול בער אליין איז אויך דארוף ניט מרוצה גיווארען , די שוויגער האט איהר השגחה ניט אראפ גענומען , זיא האט גיהאלפין אביסעל אונ דיא

ווייב אַהיפּשע ביסעל און זיי ביידע האבין זיך גענומען פאר׳ן יונגין איידים איהם צו סאנעווען, צו מדריך זיין און צו מאכין פאר איין מענשען . . .

די ערשטע צייטין האט שאול בער אליין מודה געווען, אז אלע צרות, וואס ער האט גיהאט, איז ער אליין ווערט, ער איז פארט ניט גענית, ער איז פארט אשלים מזל, און האט זיך דערפאר איבער גיגעבין צום גישעפט מיט לייב און לעבין, דאס גישעפט איז אוועק אלץ בעסער און בעסער, און ער איז גיווארין גענית אין מסחר און איין האנדעלס מענש, מיט אלע ביינער, וויא עס בעדארף צו זיין, און ציפע האט שוין פון דעם ערשטין קינדבעט אין גאנצין אויף גיהערט צו גיין אין בוד.

די ערשטע צייטין ווען ציפע איז געווען די אשת-חיל און זיא איז גיגאנגען אין ספאדיק, האט שאול בער גירעכינט פאר אגאנץ נאטירליכע זאך, אנדערש קען עס גאר ניט זיין, דער פאר האט ער גיפאדערט איין מאל פאר אלע מאל, אז זיא זאל אויף הערען צו גיין אין בוד, און דאס האט ער גראדע אוים גיפיהרט, ערשטענס, ווייל ציפע האט דער זעהען, אז ער טייג צום מסחר מער פון איר, און צווייטינס, האט זיא גיוואלט זיין לייטין גלייך גענוג געהארעוועט פאר דער חתונה, נאר פון דעסט וועגין האט זיא אלץ ניט איינגע-לאזין די לייצעס, וואס זיא האט שוין איין מאל דערהאפט, זיא איז גיגאנגען אין די מאמעס דרך און האט זיא נאך אריבער געיאגט.

— וואס איז דאס, ציפע? האט איין מאל געפרעגט איהר ניוועזענע חבר׳טע, פעסעל, — וויא שעמסט דו זיך ניט פאר לייטין? לאנד און לייט האבין דאך מיט דיר צו טאן.

— זאלען זיי האבען אייגענע צרות, אז זיי זאלען אויף מיר פערגעסען.

— איך מיין אבער, לייטען קענסט דו דאך די מיילער ניט פער-שליסען, און זאג אליין, איז דאס פיין? האסט דו איהם פיינד, טא נעם זיך מיט איהם.

— זאלען זיך מיינע שונאים גט׳ן מיט זייערע מאנען, און מיר

זאל גאט העלפין אוים לעבין מיט איהם מיינע יארין, וואס איז? עפעס אפולע אזעלבע וויא שאול בער איז דא אין ספאסאווקע?

— וואס איז דאס אבער פאר אלעבין! מיט אזא מאן, וויא שאול בער, דארף מען אזוי ניט לעבען, מיט איהם קאן מען לעבען וויא גאט האט געבאטין.

— הער, פעסיל, איך בעט דיך, רייד צו דער וואנט און ניט צו מיר, מיך האסט דו גאר ניט וואס צו לערנען, איך ווייס אליין, וויא צו לעבין אויף דער וועלט! —

און זיא האט טאקע גיוואוסט... זיא האט גיוואוסט. אז נייבער ווערין צו טיילט אויף צוויי כתות: אויף די, וואס די מאגען ליידען פון זיי, און אויף די, וואס זיי ליידען פון די מאגען, און ציפע האט גיוואלט זיין פון די ערשטע און ניט פון די לעצטע, און זאל ער טאקע פערשטיין און וויסען ווער זיא איז, זאל ער טאקע פילען און פערשטיין, אז אזא שיינהייט וויא זיא איז גאר קיין קלייניקייט ניט, און פאר אשיינער כלי מעג מען טייער בעצאלין. אומזיסט האט שאול בער גיהאפט אויף בעסער, עס איז גיווארען אלץ ערגער און ערגער.

זיינע גישעפטין זיינען איהם אפילו אוועק גאנץ גוט, עס האט איהם וואונדערליך געגליקט, אויך אין שטאט האט ער אנגיהייבען צו ווערין ניאכט און גישעצט, ער האט זיך שוין גירעכינט פון די פער פון שטאט, וואס העלפט דאס אבער? אין דער היים איז ער פארט נאך ערגער פון אהונד, און וואס קומט אים ארויס פון אלע גליקען ווערענד אין דער היים האט ער פארט ניט קיין טאג און ניט קיין נאכט, ניט קיין וואך און ניט קיין שבת. — שלעכט! און ער האט זיך פארט גישטארקט, און איז פארט אוועק צום רב.

## 3.

### דער זאנדערבארער מיטעל.

ר' שרגא פייבוס דער אלטער רב אין ספאסאווקע איז געווען זייער אקלוגער איד, ער איז אין שטאנד געווען יעדערין צו פערשטיין און יעדער הארץ מיט צו פיהלען, אין ספאסאווקע דער ציילט מען

(כשוף שפיגעלע) נאך

נָאךְ עַד הַיּוֹם פוּן אִיהם פִּיעל וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת:

ר׳ שרגא, פייבוּש דֶער אַלְטֶער רַב פוּן סְפַּאסָאוְוקֶע איז גִיזֶעסִין בַּיי אַגְרוֹיסֶען סֵפֶר, אוּנ די בְּרִילֶען פוּן זַיין נָאז הָאבְּען זִיךְ אַרוֹיפְּגֶערוּקְט אוֹיף זַיין גְרוֹיסֶען בְּרֵייטִין שְׁטֶערִין, עֶר הָאט אִיצְט נִיט גִילֶערִינְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ נוּט אַיין גִיהֶערְט אִין שאלה בּער׳ס רֵייד, אוּנ שאלה בּער הָאט גִירֶעט, גִיטֶענֶה׳ט אוּנ גֶעוויינְט, וויא אַקְלֵיין קִינְד, אוּנ דֶער רַב הָאט גִיהֶערְט אוּנ גִיקְוועשְׁט מִיט דִיא פְּרֵייצֶעס. — נוּ, שִׁיק זִיא צוּ מִיר, — הָאט דֶער רַב גִיעֶנְטְפֶערְט.

— זִיא וֶועט נִיט גֵיין, רֶבִּי.

— נוּ, זָאל אִיךְ גֵיין צוּ אִיהר?

— נֵיין, רֶבִּי, עֶס וֶועט זַיין אוּמְזִיסְט, זִיא וֶועט אוֹיף דֶער ווַיילֶע פוּן שְׁטוּב אַנְטְלוֹיפֶען, אוּנ מִיר וֶועט דֶער נָאךְ עֶרְגֶער וֶוערֶען.

— אוּנ גֶעטְ׳ן זִיךְ מִיט דִיר וויל זִיא?

— נֵיין, רֶבִּי, חַס וְחָלִילָה, זִיא וויל נָאר פוּן גֶעט נִיט הֶערֶען.

— אַזוֹי נָאר? נוּ, וָואס קָאן אִיךְ דִיר הֶעלְפֶען.

— נֵיין, רֶבִּי, אִיךְ וֶועל הַיינְט פוּן אַייךְ נִיט אָפּ טְרֶעטִין, אִיךְ וויל פוּן אַייעֶר שְׁטוּב נִיט אַרוֹיס, וואוּ אִיהר וֶועט מִיר נִיט גֶעבִּין אַיין עֵצָה טוֹבָה, עֶפֶּעס אַרֶעבְּטִין מִיטֶעל, עֶס זָאל שׁוֹין צוּ מַיינֶע צָרוֹת נֶעמֶען אַסוֹף. רֶבִּי, מִיר אִיז נָאךְ עֶרְגֶער, וויא דֶעם רָשָׁע אִין גֵיהִנֹּם, דֶער רָשָׁע הָאט חָאטְשׁ שַׁבָּת אוּנ יום טוב רוּה, אוּנ אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ נִיט, רֶבִּי, אִיהר מוּזְט רַחֲמָנוּת הָאבְּען, אִיר מוּזְט עֶפֶּעס טָאן פוּן מַיינְט וֶועגִין, אִיךְ וֶועל פוּן אַייךְ נִיט אָפּ טְרֶעטֶען.

דֶער רַב הָאט זִיךְ פֶערְטְרַאכְט.

— וָואס פַאר אַבְמָעלוֹת הָאט זִיא? — הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ אָפְּרֶעגְגֶעטָאן. — זִיא אִיז נִיט קֵיין נַאר.

— אוּנ וָואס נָאךְ?

— זִיא אִיז זֵייעֶר אַשֵׁיינֶע.

— אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר, אִיצְטֶער אִיז שׁוֹין רֶעכְט, אִיךְ ווַייס עֶס דִי שֵׁיינֶע אִשָּׁה׳ס... הָאט דֶער רַב אוֹיס גִירֶעט אוּנ הָאט זִיךְ ווִידֶער פֶערְטְרַאכְט. — רֶבִּי הָאט רַחֲמָנוּת, רֶבִּי!

— און ר׳ שרגא פייבוש דער אַלְטֶער רַב פון סְפַּאסָאוְוקֶע איז אזוי גישְׁטַאנֶען פון זיין שְׁטול, און צו גִיגַאנְגֶען צום קַאמָאד און אַרָאפּ גֶענוּמֶען אַקְלֵיין שְׁפִּיגֶעלֶע, — נַא דיר דֶעם שְׁפִּיגֶעל, — הָאט עֶר גֶעזָאגְט צו שאול בער׳ן, — נֶעם איהם אַהֵיים, אֶפְשֶׁר וֶועט עֶר דיר הֶעלְפֶען אין דַיין נויט:

און שאול בער איז פֶערְוואוּנְדֶערְט גִיוָוארִין, מִיט צִיטֶערִינְדֶע הֶענְד הָאט עֶר אֶנְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁפִּיגֶעל און הָאט איהם בֶּעטְרַאכְט, דַאכְט זִיךְ, אַפְּרָאסְטֶער שְׁפִּיגֶעל וִויא אַלֶע, אֲפִילוּ נִיט קֵיין גֶעשְׁלִיפֶענֶער, און וָואס פַאר אַבֶּעהַאלְטֶענֶער כּוֹחַ קָאן לִיגֶען אין דֶעם, אַז עֶר זָאל קָאנֶען צִיפֶען אַיינְשְׁטִילֶען? עֶר איז גִיוֶועזֶען שְׁטַארְק מְסוּפָּק.

— נֶעם, מֵיין קִינְד, דֶעם שְׁפִּיגֶעל אַהֵיים, — הָאט דֶער רַב צו איהם גִיזָאגְט, — און אַז דַיין פְּלוֹנִית׳טֶע וֶועט זִיךְ צוּ כַּעְסְ׳ן, זָאלְסְט דו איהר גָאר נִיט עֶנְטְפֶערִין, דו זָאלְסְט נָאר אָט דֶעם דָאזִיגֶען שְׁפִּיגֶעלֶע איר שְׁטֶעלֶען פּוּנְקְט גֶעגֶען פָּנִים.

ר׳ שרגא פייבוש דער אַלְטֶער רַב פון סְפַּאסָאוְוקֶע הָאט ווידֶער אַרָאפּ גִירוּקְט די בְּרִילֶען אוֹיפְ׳ן נָאז און הָאט זִיךְ ווִיעדֶער גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען, און שאול בער, דֶער גַבַּאי פון קָהָל׳שֶׁען בֵּית הַמִדְרָשׁ, און דער גֶאֶמָן פון חֶבְרָה קַדִישָׁה, הָאט מִיט שְׁרֶעק גִינוּמֶען דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁפִּיגֶעלֶע צו גֶעדֶעקְט איהם מִיט דֶער פָּאלֶע פון זיין מַאנְטֶעל און איז אַוֶועק אַהֵיים.

# 4.

## דֶער בִּטָחוֹן וֶוערְט שְׁטַארְקֶער

דיא נַאכְט איז גִיוֶועזֶען נִיט בֶּעסֶער פון דֶעם טָאג. פִינְסְטֶער וִויא אין מִצְרַיִם, און אַרֶעגֶען וִויא בַּייִם מַבּוּל. שאול בער איז מֶעהר גֶעלָאפֶען וִויא גֶעגַאנְגֶען, נָאר נֶעבֶּען סֶעמְיַאנְקֶע דֶעם וָואיְיט׳ס שְׁטוּב הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט אָפּ שְׁטֶעלֶען, בַּייא סעמיאנקע דֶעם וָואיְיט נֶעבֶּען טוֹיעֶר איז אַלְלֶע מָאל גִילֶעגִין אַגְרוֹיסֶער שְׁוַוארְצֶער הוּנְד, און בַּייז כְּמְעַט וִויא זיין וַוייבּ ציפּע, אַז עֶר עֶפִינְט דֶעם מויל און הויבּט אָן צו בִּילְלֶען, וֶוערְט שאול בער דֶער שְׁרָאקֶען נָאךְ מֶעהר וִויא פון זיין וַוייבּס קְלָלוֹת, און אַז עֶר חַאפְּט איהם אָן פַאר דיא

(כשוף שפיגעלע) פאלעס

פָּאלֶעס פוּן זַיין מַאנְטֶעל פִּיהָלְט עֶר אַטֶעם פוּן טוֹיט, אוּנ וִויא אוֹיף לְהַכְעִיס, הָאט עֶפֶּעס פָּאלְקַאן, סעמיאנקע דֶעם וָאאיטְס שְׁוַוארְצֶער הוּנְד, אַזֶא טֶבַע אִין זִיךְ, אַז וִויא עֶר דֶער זֶעהט אַיוּדִישֶׁע פָּאלֶע גֶעלוּסְט זִיךְ אִיהם זִיא אָפּ צוּ רַייסֶען, אוּנ מַאךְ מִיט אִיהם עֶפֶּעס? עֶר אִיז אֲפִילוּ מֶעהר נִיט וִויא אַכֶּלֶב, נָאר דָאךְ הָאט אֲפִילוּ שָׁאוּל בער דֶער פֶּעלְהֶענְדְלֶער, דֶער פֶּער פוּן סְפַּאסָאוְוקֶער בַּעֲלֵי בָּתִּים, דֶער גַבָּאֵי פוּן קָהָלְשֶׁען בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוּנ דֶער נֶאֱמָן פוּן חֶבְרָה קַדִישָׁה, — גֶעצִיטֶערְט פַאר אִיהם אֵימַת מָוֶת, אוּנ אַרִיבֶּער גֵיין סעמיאנקע דֶעם וָואיְטֶעס הויז אִיז אִיהם עֶרְגֶער גִיוֶוען, וִויא קוּמֶען אַהֵיים, אוּנ דָא נָאךְ אִין אַזֶא נַאכְט! פאלקאן אִיז דַאכְט זִיךְ גִילֶעגִין אוֹיף זַיינֶע לַאפֶּעס, עֶר הָאט דַאכְט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעשְׁלָאפֶען, שָׁאוּל בער הָאט זִיךְ דַאכְט זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעחַאפְּט דֶעם הויז אוֹיף דִי שְׁפִּיצִין פוּן דִיא פִינְגֶער, נָאר מַאךְ עֶפֶּעס מִיט אַהוּנְד? עֶר הָאט פָּארְט דֶער הֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ פָּארְט רַאפְּטָאם אוֹיף גֶעחַאפְּט אוּנ אַרוֹיס גִילָאזִין אַשְׁרֶעקְלִיכֶען בִּילְלֶערַאיי, שָׁאוּל בער אִיז גֶעוָוארֶען אַטוֹיטֶער אוּנ זִיךְ גֶעלָאזֶען לוֹיפֶען, עֶר לוֹיפְט אוּנ הָאט מוֹרָא טָאמֶער חָלִילָה פַאלְט עֶר אוּנ צוּ בְּרֶעכְט דֶעם שְׁפִּיגֶעלֶע, אוּנ וָואס וֶועט עֶר דַאמָאלְסְט טָאהן? דָאךְ מַאכְט עֶר זִיךְ הֶערְץ, אוּנ לוֹיפְט וַוייטֶער, אוּנ וִויא מֵיינְט אִיהר? פאלקאן הָאט זִיךְ אַלָאז גֶעטָאהן נָאךְ אִיהם, עֶר הָאט אִיהם דֶער יָאגְט אוּנ אָנְגֶעחַאפְּט פַארִין פָּאלֶע, אוּנ שָׁאוּל בער הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דֶער שְׁרָאקֶען, אַז דֶער שְׁפִּיגֶעלֶע אִיז בַּייא אִיהם שִׁיעֶר פוּן הַאנְד נִיט אַרוֹיס גֶעפַאלֶען, שְׁלֶעכְט! וָואס טְהוּט מֶען אִיצְטֶער?

אוּנ שָׁאוּל בער חַאפְּט זִיךְ אוֹיף אַפְּלַאן, אוּנ רוּקְט אוּנְטֶער דֶעם רב׳ס שְׁפִּיגֶעל גְלַייךְ פאלקאנען אוּנְטֶערִין מָארְדֶע, אוּנ פאלקאן הָאט אָפּ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אוֹיף הִינְטֶען.

— אַהַא! — הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט גָאכְדֶעם, אַז עֶר הָאט זִיךְ בְּשָׁלוֹם אַרִיבֶּער גֶעחַאפְּט סעמיאנקע דֶעם וָואיְטְס שְׁטוּב אוּנ דִיא פָּאלֶעס פוּן זַיין מַאנְטֶעל זַיינֶען נִיצוֹל גִיוָוארִין פוּן פאלקאנס צֵיין: — אַהַא, עֶפֶּעס מוּז טַאקֶע שְׁטֶעקֶען דֶערִיין! מַה דָאךְ פאלקאן וָואס עֶר אִיז דָאךְ נִיט מֶעהר, וִויא אַכֶּלֶב בֶּן אַכֶּלֶב, אוּנ

דער צו ניט קיין יודישער כלב, האט ער אויך מורא געהאט פאר דעם קליינעם שפינעל, וואס עס האט מיר גיגעבין רבי שרגא פייבוש, ספאסאוואקער אלטער רב, היינט אפשיטה שוין, זיין ווייב וואס איז דאך אבת ישראל, אונ נאך אלע מעשיות איז זיא דאך פארט איין ערליכע יודינע, וועט זיא דאך, על אחת כמה וכמה, מורא האבען פאר דעם קליינעם שפינעלע אונ וועט מיט איהם געוויס מאכען אשלום אונ טאקע אויף שטענדיג, אויף אללע מאל.

זיין בטחון איז גיווארען שטארקער אונ ער האט זיך נאך גיכער געלאזען לויפין, ער איז אזוי גיך געלאפען, אז ער האט זיך עפעס פארטשעפעט אן אגאנאק איז אנידער געפאלין מיטין קאפ אן גאנאק, דיא קליידער מיט דעם גאנצען פנים האט ער פארשמוצט אין קויט אונ אין בלאטע, אונ פון זיין פערפלוכטען נאז האט זיך באלד אלאז געטאהן שטראמען בלוט, אונ עפעס אין קאפ האט ער אויך געפיהלט אשטארקען ווייטאג, נאר וואס קאן דאס איהם איצטער ארען? אבי, גילויבט אונ גידאנקט איז גאט ברוך הוא, דער שפינעלע, דער וואונדערבארער שפינעלע, איז גאנץ געבליבען.

— זעהט מען דאך טאקע בחוש, אז דאס איז ניט פשוט, גלאט אזוי זיך אשפיגעלע, דאס גלאז איז שטארקער פון אמענשליכען נאז! — האט ער זיך געטראכט אונ זיין בטחון איז געווארען נאך שטארקער, אונ מיט דעם שטארקען בטחון האט ער זיך שוין קוים דער שלעפט ביז דער היים.

נאך הינטערין טיהר האט ער זיין ווייב'ס שטימע דערהערט. ער האט אבער אקוק געטאהן אויפין שפינעל אונ אשמייכיל גיטאהן, וויא איינער זאגט: נישט קשה, איצטער האב איך שוין פאר דיר קיין מורא ניט. ער האט בּרייט גיעפינט דיא טיהר, אונ איז מיט זיינע כלי זיין דרייסטיג אין שטוב אריין.

## 5.

## דיא ערשטע פראבע האט זיך איינגיגעבען.

— ווי-וואט, מיין שיינע פרי קומט אן! — האט ציפע גיעפינט איהר פיסק אונ זיך צו לאזט אויפין אויבער, ווען שאול בער איז

מִיט גַדְלוּת אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, — נָאךְ אַנַיים, גֶעכְט פֶערְפַאלֶען וֶוערִין!
פֶערְפַאלֶען זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען, אַז דוּ זָאלְסְט גָאר צוּ קֶבֶר יִשְׂרָאֵל נִיט
קוּמֶען. מִיט אַמָאל נַא דִיר, עֶר אִיז גָאר פֶערְחַאפְּט גִיוָוארֶען, פֶערְחַאפְּט
זָאלְסְט דוּ וֶוערִין, אוּנ צוּ דְרַייט זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען, גִיזֶעהן אַבִּיסִיל!
גִיהֶערְט אַנַיים? מִיט אַמָאל פֶערְפַאלֶען גֶעוָוארֶען! פַאלֶען זָאלְסְט
דוּא אַרְצָה אוּנ זָאלְסְט בְּרֶעכֶען דֶעם קָאפּ מִיט לַייבּ אוּנ לֶעבֶּען.
נוּ, תַּכְשִׁיט מַיינֶער! וואוּ הָאסְט דוּ זִיךְ דָאס אַגַאנְצֶע נַאכְט אַרוּם
גִישְׁלֶעפְּט אוּנ אַרוּם גִיצְוִוינְגֶען זָאלְסְט דוּ וֶוערִין, נוּ, וָואס שְׁטוּמְסְט
דוּ? שְׁטוּם אוּנ קְרוּם אוּנ לָאם זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען, מַאטִינֶקֶע זִיסֶער,
נָאר אִין גִיכֶע צַייטֶען, פֶערְגֶעסִין גָאר, אַז עֶר הָאט אַוַוייבּ, נִיט
הָאבִּין זָאלְסְט דוּ קַיין הֶעמֵד אוֹיפִין לַייבּ, קַיין פְלֵיישׁ אוֹיף דִיא
בֵּיינֶער, אוּנ קַיין צָאהן אִין מוֹיל, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!

אוּנ שָׁאוּל בֶּערִין אַרְט דָאס אִיצְטֶער וִויא דִי וַואנְד, עֶר אִיז
קַאלְט וִויא אַיין אַייז, אוּנ קוּקְט גְלַאט אַזוֹי זִיךְ אִין בַּאלְקָאן
אַרַיין, צִיפֶּע אִיז דֶערְפוּן נָאךְ מֶעהר צוּ רֵייצְט גִיוָוארֶען, זִיא הָאט
גִיחַאפְּט אַלַייכְטֶער אוּנ שׁוֹין גְרֵייט גִיוֶועןן צוּ וַוארְפִין אִיהם גְלַייךְ
דֶעם מַאגֶן אִין קָאפּ אַרַיין, הָאט שָׁאוּל בֶּער זִיךְ דֶער שְׁרָאקֶען,
עֶר הָאט אַשׁוֹידֶער גִיטָאהן אוּנ אוֹיף גִיךְ אַרוּם גֶעחַאפְּט
פוּן אוּנְטֶערֶען פָאלֶע זַיינֶע גִיוֶוער, אוּנ אַלָאז גִיטָאן זִיךְ צוּם וַוייבּ,
עֶר הָאט אִיהר דֶעם קְלֵיין שְׁפִּיגֶעל גִישְׁטֶעלְט אַנְטְקֶעגִין אוּנ צוּ
גֶערוּקְט צוּם פָּנִים.

צִיפֶּע הָאט נִיט ווִילֶעְנְדִיג אִין אִיהם אַקוּק גֶעטָאהן אוּנ אָפּ
גִישְׁפְּרוּנְגֶען אוֹיף הִינְטֶען.

— טְפוּי, זָאלְסְט דוּא וֶוערֶען! — הָאט זִיא אוּיס גֶעשְׁפִּיגֶען
אוּנ אִיז אַרַיינְגֶעלָאפִין אִין צְוֵוייטֶען צִימֶער.

— אַהַא, עֶס ווִירְקְט! — הָאט עֶר זִיךְ פְרֵיילִיךְ גֶעטְרַאכְט
אוּנ הָאט זִיךְ גַאנְץ רוּהִיג אַיינְגֶעוַואשֶׁען, דִי קְלֵיידֶער אוּם גֶעבִּיטֶען
אוּנ גִיבֶּעטֶען עֶסִין, דָא הָאט שׁוֹין צִיפֶּע נִיט גֶעקָאנְט אוּיס הַאלְטֶען
אוּנ אִיז ווִידֶער פוּן אִיהר צִימֶער אַרוּם גֶעלָאפֶען מִיט גְוַואלְדֶען
אוּנ גֶעפִילְדֶער.

זיא האט זיך צו בעסט גאר ניט אויף קאטאוועס, אונ שאול בער איז זיך ווידער אקורצע צייט געזעסען רוהיג אונ דער נאך האט ער ווידער דעם שפיגעל צוא גערוקט צוא איהר צום פנים, אונ ציפע האט זיך ווידער ניט ווילענדיג אין איהם איינגעקוקט אונ ווידער אפ געשפרונגען אויף הינטען. זיא איז שוין ווידער שטיל געווארען, האט נאך אמאל אוים געשפיגען אונ נאך אמאל אוועק געלאפען נאר שוין ניט אין צווייטען צימער, זאנדערין אין קיך, אונ האט פון דארטען ארוים געשיקט מיט איהר דינסט, וואס צו עססען פאר'ן מאן.

שאול בער האט געגעסין מיט גרוים אפעטיט אונ שטארק הנאה געהאט, עס האט איהם אלעס גוט געשמעקט, וויא דעם ערשטען טאג נאך דער חתונה.

— ווארט, ווארט! האט ער זיך געטרייסט, — דוא וועסט נאך זיצען מיט מיר אין טיש, מיר וועלען עססען צו זאמען, אונ איך וועל פון דיר קיין איין שלעכטען ווארט ניט הערען.

מיט די זיססע האפפענונג האט ער זיך געלייגט שלאפען, אונ איז באלד געשמאק אנטשלאפען געווארען.

## 6.

## דאס גוט לעבען.

שוין דרייא נעכט האט איבער גענעכטיגט בייא שאול בער דעם פעלהענדלער דער קליינער שפיגעלע, וואס עס האט איהם געגעבין ספאסאווקער אלטער רב, רבי שרגא פייבוש, אונ דרייא טאג זיינען שוין אוועק, וואס ציפע זיין ווייב איז שטיל וויא אטויב, זיא פרובירט אפילו עפענען דעם מויל, נאר באלד שטעלט זיך איהר דער שפיגעל אנטקעגין, אונ זיא ווערט שטילל.

— שאול בער, — וועגדעט זיך צו זיין ווייב ציפע, וויא אין דיא ערשטע טעג נאך דער חתונה.

— וואס? — רופט זיך אפ שאול בער זייער פריינדליך.

— געדיינקסט, וויא דו האסט מיך דעם ערשטען מאל דער זעהען בייא עזריאל'ן אין קראם?

—׳ פאר וואס זאל איך ניט געדיינקען ? איך געדיינק
וויא היינטיגען טאג .

— וויא בין איך דיר דאן גיפעהלען געוואָרען ?

— וויא ביזט דוא מיר דאן געפעהלען געוואָרען ? עפּעס אקליינינקייט ! וויא איך האב דיך דער זעהען בין איך גיוואָרען . . .

— וואס ? — האט זיא אונטער געהאפּט .

— דיא כפּרה , — האט ער גיענטפערט .

— אויף וועמעס זינד ? — האט זיא גיפרעגט מיט אפערשטיקטען צארען .

— אויף וועמעס זאל זיין ? אויף מיינע אייגענע . וואס איך האב זיך געצאַיילט אויף אשיינע .

ציפּע ווערט צו פרידען .

— וואס ? איך בין טאקע דאמאלסט שיין גיוועזן ?

— שיין , זאגסט דו ? גלאט אזוי זיך שיין ? עט , דו ביזט גיוועזן שיין וויא אשרה'סטע , וויא אגראפינע , וויא אבת מלכה אליין . — און איצטער ?

— דו האסט דאך גיזעהען אין שפּיגעל . . .

— שאול בער , אט אזוי מיאוס בין איך דאס איצטער ?

— ניט איצטער , נאר דאן . — ווען ?

— ווען דו קוקסט אין שפּיגעל , דאס הייסט , ווען דוא ביזט שלעכט און אין כעס . ווארום אז דער מענש איז שלעכט און אין כעס פערדארבט ער דעם צלם אלהים און ער ווערט מיאוס .

— שאול בער . איך וויל זיין שיין , וויא געוועזן .

— יע , מיין טייערע , דו ביזט אלע מאל שיין , נאר . . .

— נאר וואס ?

— נאר אמאל ביסט דו שיין וויא אמלאך , און אמאל וויא אשד .

— הערשטו , שאול בער , איך וויל זיין שיין וויא אמלאך ,

— טא , זייא אמענש . . . זייא ניט שלעכט , זייא ניט אין כעס , ווערסטו קאנען קוקען אויף זיך , צו דער צייט זיך איינוואשען , צו דער צייט זיך אויס פוצען , ניט וויא אין דער צייט פון דיין

בּעס, בּיזטו פֿערשלומפּערט, איין געשמוצט דאס פּנים, און דיא האר צו נארפֿען, דאמאלסט וועסט דו האבען אפּנים פֿון אמענשען, דאמאלסט וועסט דו טאקע שיין זיין, אט זעה, אשטיינער, איצטער, אט טהוא אקארסט אקוק אין שפּיגעל.

— אבער ניט אין דיין קליין שפּיגעלע. — פֿאר וואס?

— פֿאר דעם קליין שפּיגעלע האב איך מורא, עפּעס אכשוף איז אין איהם.

— דאס איז אבעצויבערטער שפּיגעל וואס ווייזט דעם אמת...

— איך וויל אין איהם ניט קוקין...

— ניט דו איינע ווילסט עם ניט... נאר אז דו האסט מורא טהוא אקוק אין אונזער גרויסען שפּיגעל, עס שאדט ניט

זיא האט אקוק געטאהן אין שפּיגעל און פֿרייא אשמייכעל געטאהן.

— שאול בער, וואס?

— גאר נישט, ציפּע. — שיין?

— וויא דיא ליכטיגע זון?

— שאול בער, אז איך וועל אבער ניט שרייהען, וועסט דו דאך ניט מורא האבין פֿאר מיר.

— וואס ווילט זיך דיר דוקא, איך זאל פֿאר דיר מורא האבען? וויל בעסער, איך זאל דיך ליבען.

— און דו וועסט מיך ליבען, שאול בער?

— אך, ציפּע! געדיינק, מיין טרייע, אז ליבע ערוועקט מען נאר מיט ליבע...

— שאול בער, איך וועל שוין איצטער, זעהסטו, זיין אנדערש, נאר איין זאך וועל איך דיך בעטען. — וואס?

— טראג שוין אוועק דעם קליינעם שפּיגעלע צוריק צום רב, איך האב פֿאר איהם זייער מורא.

— געדיינק אבער, אז דער צייבערליכער שפּיגעל קאן צוריק קומען צו יעדער צייט.

— גוט, גוט, נאר טראג איהם שוין אוועק.

און שאול בער האט אין דעם זעלבען טאג אוועק געטראגען

דעם שְׁפִּינֶעלֶע צוּרִיק צוּ ר׳ שרגא פייבוש, צוּם סְפָּאסָאוְוקֶער אַלְטֶען רָב, אוּנ רבי שרגא פייבוש אִיז וִויא זַיין שְׁטֵיינֶער גִיוָועסֶען אַלְץ בַּייא אַגְרוֹיסֶען סֵפֶר אוּנ גִילֶערְינְט.

— נוּ, וָואס, מַיין קִינְד? — הָאט דֶער רָב גִיפְרֶעגְט בַּייא שָׁאוּל בער׳ן.

— וָואס זָאל זַיין? אַגְרוֹיסֶען דַאנְק אֵייךְ, רֶבִּי! אִיהר הָאט מִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶּה גֶעוֶוען. — וָואס? עֶס הָאט גֶעהָאלְפֶען?

— נָאךְ וִוי, רבי! עֶפֶּעס גָאר גִיט דִי וָועלְבִּינֶע, שְׁטִיל וִוי אַטוֹיב.

— זִי שִׁילְט זִיךְ שׁוֹין נִיט?

— וָוער שְׁמוּעֶסְט שׁוֹין פוּן שִׁילְטֶען זִיךְ? אַזוֹי גוּט, וִויא אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ דֶער חֲתוּנָּה: אִיךְ קוּם אַרֵיין אִין שְׁטוּב דֶער קָאן אִיךְ זִיא גָאר נִיט, אוּנ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גִיט גֶעקָאנְט זַיין אַזוֹי שְׁלֶעכְט קֶעגֶען אִיהר, אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אָפּ טְרָאגֶען צוּ אֵייךְ דֶעם שְׁפִּינֶעל צוּרִיק, זִי הָאט עֶפֶּעס דֶער פַאר מוֹרָא, וִוי פַאר אַבֶּער.

— דֶער אֶמֶת—אִיז טַאקֶע אָפְּט מָאל נָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶער וִויא אַבֶּער, נָאר, זָאג מִיר, מַיין קִינְד, וואו אִיז דָאס דֶער שְׁפִּינֶעל? זַייעֶר גוּט, וָואס דוּ הָאסְט אִיהם גֶעבְּרַאכְט, פֶערְשְׁטֶעהסְט דָאךְ, מַיין קִינְד, מַיינֶע כְּלֵי בַּיִת דִ׳א גְרוֹיסֶע! מֶעהר אַז דֶעם שְׁפִּינֶעלֶע מִיט דֶעם אַלְטֶען זַיינֶער, וָואס גֶעהט נִיט פוּן אַאָהר צְוֵויי, —הָאבּ אִיךְ נִיט, אוּנ דָער צוּ קָאן דָאס טַאקֶע צוּ נוּטְץ קוּמֶען פַאר נָאךְ פִיעל אַנְדֶערֶע... —אוּנ שאול בער הָאט רבי שרגא פייבוש׳ן אָפּ גֶעגֶעבֶּען דֶעם כִּשׁוּף-שְׁפִּינֶעלֶע אוּנ זַיינֶע הָאנְד הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט וִויא פוּן פִיבֶּער.

— וָואס אִיז דָאס אַזוֹינְס מִיט דִיר? וָואס טְרֵייסֶעלְסְט דוּא זִיךְ אַזוֹי, מַיין קִינְד?

— רֶבִּי אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אַז אָהן דֶעם שְׁפִּינֶעל וֶועט זִיא ווידֶער עֶרְגֶער וָוערֶען, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אַז אִיהר גוּטְסְקֵייט וֶועט לַאנְג נִיט הַאלְטֶען.

— זַייא רוּהִיג, מַיין קִינְד, אוּנ הָאף צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא. עֶס וֶועט זִיךְ שׁוֹין הַאלְטֶען, וָוארוּם צוּ לִיעבּ זַיין שֵׁיין אִיז אַיין אִשָּׁה פֵּייהִיג אוֹיף אַלְץ, אֲפִילוּ אוֹיף צוּ זַיין גוּט...

(כשוף שפינעלע) דיא

# 7.

## דיא גוטע עצה.

און דריי יאהר זיינען אוועק און ביי שאול בער'ן אין שטוב איז שא שטיל, און שאול בער לעבט וויא אין גן עדן. אקליינינקייט צו זאגען? ער איז בעל הבית! ער עסט צו דער צייט, און שלאפט אום געשטערט, און ער האט די דעה אין שטוב. נאר מען קאן אפילו ניט לייקענען. די דעה האט טאקע אלץ ציפע, ווארים ערשטענס איז שאול בער שוין אזוי צו געוואהנט געווארען מורא צו האבען פאר זיין ווייב, אז עד היום האט ער עפעס אין הארצען מורא איהר דער ווידער צו זיין, און צווייטענס, האט ציפע מיט גוטען נאך בעסער געמאכט וויא מיט בייזען. עפעס אקליינינקייט? שאול בער האט דער לעבט צו הערען פון ציפען אגוטען ווארט! קאן מען שוין זיין שלעכט? ניין, איז יענער גוט, מוז מען זיין נאך בעסער... און דריי יאהר זיינען שוין אזוי אוועק אין נחת און אין פריידען.

אין איין זומערטאג האט שאול בער געדארפט אפ פאהרען וועגען זיינע עסקים אזש קיין פיינאוועקע, זיין ווייב ציפע איז איהם נעגאנגען בעגלייטען. מיט דריי יאהר צוריק ביי אזא צייט, וואלט ציפע געשטאנען קאלט וויא איין אייז און וואלט איהם צוא געוואונשען, וויא איהר שטייגער דאן: אהין זאלסט דוא ניט ערגרייכען, צוריק זאלסט דו ניט קומען, אויפ'ן וועג זאלסט דו ניט בלייבען, שדים זאלען דיך צו חאפען, אז מען זאל גאר ניט וויסען וואו דיין געביין איז אהין געקומען. אזוי איז געוועזען אמאל, איצט אבער האט זיך ציפע גאר אנדערש אויס געדריקט.

— שאול בער זאלסט באלד שרייבען אבריף.

— גוט, גוט, איך וועל שרייבען ווי דען?

— שאול בער, זאלסט למען השם ניט פערגעסען ברייגגען חנקען אויף אנארניטערעל און שעפסעלען שטיוועלעך און איבער הויבט זעהען זיך מיט וואסערמאנען, דערגעהן טאקע אפשר איז

דֶער עִנְיָן עֶפֶּעס אַרֶעכְטְס וֶועלֶען מִיר אִיה״ש פוּן אוּנְזֶער זלאטע לאהקען נַחַת דֶער לֶעבֶּען, וִוי אַלֶע לַייט, הֶארְסְט, שׁאוּל בער, זָאלְסְט נִיט פֶּערְגֶעסֶען.

— וָואס הֵייסְט אִיךְ וֶועל פֶּערְגֶעסֶען? אִיךְ גֶעדֵיינְק גוּט, וִויא דֶען?

— אוּנ לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְסְט זֶעהֶען וָואס גִיכֶער קוּמֶען:

— וִוי דֶען? מֶעהר וִויפִיעל אִיךְ דַארְף, וֶועל אִיךְ זִיךְ נִיט זַאמֶען, אוּנ בַּאלְד טַאקֶע צוּרִיק, יֶע, אוּנ מַחְשָׁבוֹת׳ן, אוּנ דִיר וָואס זָאל אִיךְ בְּרֵיינְגֶען?

ציפע הָאט גֶעשְׁוִויגֶען, זִיא הָאט נָאר אוֹיס גֶערֶעדְט „פָּאהר גֶעזוּנְד אוּנ קוּם גֶעזוּנְד" אוּנ אִיז אִין שְׁטוּב אַרַיין, אוּנ שׁאוּל בער אִיז אַגְלִיקְלֶעכֶער אַוֶועק גֶעפָּאהרֶען אִין זַיין וֶועג.

אִין פיינאווקע דָארְט הָאט זִיךְ שׁאוּל בער אָנְגֶעטְרָאפֶען מִיט זַיינֶעם אַחַבֶר, מִיט וֶועלְכֶען עֶר הָאט צוּ זַאמֶען גֶעלֶערֶנְט אִין ביעדניאנסקער יְשִׁיבָה.

— נוּ, זעליג, וִויא גֶעהט עֶס דיר? — הָאט עֶר בַּיי אִיהם גֶעפְרֶעגְט.

— וִוי זָאל עֶס גֶעהן? שְׁלֶעכְט! אָהן מַזָל זָאל מֶען גָאר נִיט גֶעבָּארֶען וֶוערֶען.

— וָואס אִיז אַזוֹינְס, זעליג?

— אִיךְ הָאבּ, פֶּערְשְׁטֶעהְסְט דוּ מִיךְ, חֲתוּנָה גֶעהַאט;

— זֶעהר רֶעכְט אוֹיף דיר, וִויא דֶען?

— אוּנ אִיךְ הָאבּ, פֶּערְשְׁטֶעהְסְט דוּ מִיךְ אָנְגֶעטְרָאפֶען, וִויא זָאגְט מֶען עֶס, אַשְׁמַאלְץ גְרוּבּ, נוּ, אִיז דִיא שְׁמַאלְץ אוֹיס גֶערוּנֶען אוּנ דִי גְרוּבּ אִיז פֶּערבְּלִיבֶּען, אוּנ נָאךְ וָואס פַאר אַגְרוּבּ, אַז גָאט זָאל נָאר שׁוֹמֵר אוּנ מַצִיל זַיין, אַלֵייבֶּען גְרוּבּ, פָּשׁוּט, אַלֵייבֶּען גְרוּבּ, זָאג אִיךְ דיר.

— וָואס? אָרֶעם זֶעהר?

— אָרֶעם נִיט אָרֶעם, אוּנ וואוּ שְׁטֵייט עֶס, אַז מֶען דַארְף זַיין רַייךְ?

(כשוף שפיגעלע) ....... וואס

— וָואס דֶען ? חָלִילָה קֵיין קִינְדֶער נִיטָא ?

— עֶט ! וָואס בִּין אִיךְ דֶען קֵיין אִיד נִיט ? עֶס אִיז דָא, נִיט צוּ פֶערְזִינְדִיגֶען. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער, פֶערְשְׁטֶעהסְט דוּ מִיךְ, אַוַוייבּ, אִיז דָאס אַוַוייבּ, וָואס אַוַוייבּ הֵייסְט!

— וִויא אַלֶע וַוייבֶּער מַסְתְּמָא.

— וָואס רֶעדְסְט דוּא, שָׁאוּל בֶּער ? וֵוייסְט דָאךְ, וִויא מֶען זָאגְט, מֶען דַארְף קֵיין קַאלְטֶערֶען קְלִימַאט נִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט וִוי דָארְט, וואוּ מֶענְשֶׁען זַיינֶען קַאלְט אֵיינֶע צוּ דִי אַנְדֶערֶע, הַיינְט נָאךְ מֶעהר אַיין אֵיינֶענֶע וַוייבּ ! וָואס זָאל מֶען רֵיידֶען, שָׁאוּל בֶּער ? אִיךְ וָואלְט, דַאכְט זִיךְ, גָאר נִיט גֶעזִינְדִיגְט, וָואס אִיז גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט ! אִיךְ בִּין אַבַּעַל קוֹרֵא אַגַאנְץ יָאהר, יָמִים נוֹרָאִים אַחַזָן אוּנ בַּעַל תְּקִיעָה, אַלֵיין בִּין אִיךְ אַסוֹפֵר, מַיינֶע מְזוּזוֹת קוֹסְטֶען גַאנְץ פֵיינַאוּוקֶער אִידֶען, אִיךְ הָאבּ אַצִינְג אִין סְטַאדֶע אוּנ דְרַייא אִינְגְלַאךְ אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּנ פִיער מֵיידְלֶעךְ, לַייטֶען גְלַייךְ, אוּנ מֶען לֶעבְּט, הַיינְט וָואס נָאךְ זָאל מֶען וֶועלְלֶען ? אָבֶּער מַיין וַוייבּ, — פֶערְשְׁטֶעהסְט דוּ מִיךְ, זִיא הָאט זַייעֶר אַנְאַלְדֶענֶעס הֶערְץ, נָאר מֶען קָאן עֶס עֶרְגֶעץ נִיט פֶערְזֶעצֶען, — וָואס זָאל מֶען רֵיידֶען, שָׁאוּל בֶּער ? וֵוייסְט דָאךְ מַסְתְּמָא, אַשְׁלֶעכְטֶע אִשָּׁה אִיז בִּיטֶערֶער פוּנֶעם טוֹידְט.

— אִיךְ וֵוייס, אִיךְ וֵוייס, — הָאט שָׁאוּל בֶּער גֶעעֶנְטְפֶערְט, — אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט אַוַוייבּ אַשְׁלֶעכְטֶס, אוֹיף דִיר גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען, אוּנ אִיךְ בִּין אָבֶּער, מִיט גָאטֶעס הִילְף גֶעהָאלְפֶען גֶעוָוארֶען.

— וִוי אַזוֹי ? וָואס פַאר אַסְגֻלָּה אִיז דָא דֶער צוּ ?

— דֶער צֵיילֶען דִיר בַּאֲרִיכוּת אִיז צוּ פִיעל צֵייט, אוּנ וָואס זָאל אִיךְ דִיר אַסַךְ בְּרֵייעֶן ? אָט פָאלְג מִיךְ, זְעלִינ, פַאר אַוֶועק קֵיין „ספאסאווקע" אוּנ גֶעה אַרִיבֶּער צוּא ר' שרגא פייבוש'ן דֶעם אַלְטֶעו רַב, עֶר הָאט אַכְּשׁוּף-שְׁפִּיגֶעלֶע, נֶעם דָאס בַּיי אִיהם, דָאס אִיז זַייעֶר אַטַייעֶרֶע סְגֻלָּה !

## ע נ ד ע

(כשוף שפיגעלע)